STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10326

# BAYM PINKES FUN LUBLIN

Moses Schulstein

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.



משה שולשטיין

ב יים פּ נ ק ס

פ ון ל ו ב ל י ן

דאָס בוך איז דערשינען מיט דער הילף
פון שמואל און גאָלדע שפּיראָ, פּאַריז,
צום אָנדענק פון זייערע עלטערן:
ז א ב ־ ד ו ב און א י ט ע שפּיראָ,
ז ל מ ן און פ י י ג ע ־ ב אַ ש ע פישמאַן,
שוועסטער, ברידער מיט זייערע קינדער,
אומגעבראַכט דורך די נאַצישע רוצחים
צוזאַמען מיטן גאַנצן לובלינער יידנטום.

משה שולשטיין

# ביים פנקס פון לובלין

דראַמאַטישער חזיון אין אַ קופּע אַש

הילע און צייכענונגען פון אַ. קאַלניק

1966 פּאַריז תשכ״ז

פאַרענדיקט דעם דרוק
אין נאָוועמבער 1966
אין דער ד ר ו ק ע ר י י
פון א. שיפּער, פּאַריז.

**M. SZULSZTEIN**
« DEVANT LES CHRONIQUES DE LUBLIN » — poème
Copyright By M. Szulsztein, Paris 1966

Printed in France

Imprimerie A. Schipper, Paris

# ביים פּנקס פון לובלין

## צוויי בעלי־פּנקס:

(פֿאַר אַן אָפֿענעם ספֿר)

שערי־רחמים, עפֿנט זיך מיט גנאָד,
טאָוולען — טויערן פֿון אונדזער ספֿר,
טאָוולען — טויערן פֿון אונדזער מוטערשטאָט.
בלוט אויף בלעטער הייליקע פֿון פּנקס —
טריוואַקס אויף זיין דורותדיקן זיגל.
נעם, בן־עיר, און מיט באַגער און אייפֿער,
ווי אַ סם־געטראַנק מיט צוגעמאַכטע אויגן טרינק עס,
אַז דערשפּירן זאָלסטו אין זיין ברי די שׂרפֿה
וווּ ס'האָט אויסגעברענט די מיטה און דאָס וויגל,
וווּ ס'האָט אויסגעברענט דער עמוד און דער שטענדער
און די חופּה־שטאַנג און ס'ערשטע מאַן־און־ווייב־געלענדער.

רוגזהדיקע דעכער, קרומע, שווערע טרעפּ.
ראָסט פון קייטן, מאָך פון אַלטע בראַמעס.
לאָמיר געבן אין זיי ווי אַמאָל דריי קלעפּ —
ווי אַמאָל אין טויער פון דער שול דער שמש,
אַז די מתים זאָלן דאָרט פאַרשווינדן אַלע
ווייל צו שחרית האָט געקרייעט שוין דער האָן —
פון די קברים די פאַרשוועכטע ווערט נתגלה!
קומט ארויס פון אונטער אייערע מצבה־שטיקער,
אויסגעריסענע, ווו ס׳גייען איצטער כלבים,
און עס טרעט אויף זיי פאַרשייט דער דבר־אחר
און דער רשע און דער בלבול־מאַכער.
נאָר אין שטיין די אותיות פון אייער שם, דער עיקר,
וואָס קיין קנאַפּל קאָן זיי נישט באַצווינגען;
וואָס זיי זענען פסול נישט געוואָרן —
אָפּגעמעקט פון שטיוול־טריט און יאָרן;
כאָטש צעשיט אויף אַלע וויסטע פעלדער און צעזייט —
קייקלען זיי זיך איצט אַהער ווי רינגען
פון אונדזער אַלטער, שיינענדיקער יחוס־קייט.
קומט אַרויס, איר ווייטע, ווייטע אָבות,
קומט, מפורסמע, גאונים, גדולים, שררות
פונעם טרוים, פון דמיון און מחשבה,
און איר, פּעכטער, שטענדיקע געראַנגלער מיט דער נויט;
פאַרן לעפל וואַרעמס און דער שלווה פון אַ דאַך;
איר, פאַרזונקען ביזן קאָפּ אין טיפן פלפול־ים,

איר, נשרפים און געשענדעטע פון גזרת ת״ח,
איר, פאַריאָגט פון אימת־מות אין די קעלערן און נאָרעס,
איר, צעהאַקטע אויף די קלעצער פון עלילת־דם.
טאָוולען — טויערן פון אַלטן בית־הקברות,
טאָוולען — איינגעוואַלגערטער, פאַרוויסטער פלויט
וווּ דאָס אָרט פון טויט איז אויך געטויט...
קומט אַרויס פון דאָרט, איר אָבות־אבותינו,
וואָס האָט דאָ אַמאָל אין וואָגל אָפּגעשטעלט די בויד,
ביי דער קירכע אויפגעשטעלט גאָטס הויז בשכנות
און ביים שלאָסבאַרג אָפּגערוט פון לאַנגן, ווייטן וועג.
לאָמיר איצטער דורכשניידן די צייט ווי מיט אַ זעג
ביז צו אונדזערע פאַרקוילטע שוואַרצע טעג.

ד י  ג ע ש ט אַ ל ט ן  פ ו ן  אַ מ אָ ל :

מיר האָבן פון ווייטן אַ בת־קול פאַרנומען.
איר האָט אונדז גערופן — מיר זענען געקומען.

אין ביטערניש האָט איר געוועקט אונדז, אין האַרבשאַפט,
איר, ווייטע ירושהשאַפט אונדזערע, אַרבשאַפט.

לעשט־אויס דעם געשימער פון אונדזערע קרוינען! —
די הערצער אין אימה, אין פינצטערן שטוינען:

וואָס טוט זיך? די יידן־שטאָט איז גאָר אָן יידן?
קיין ניגון פון תורה, קיין רעש פון יאַרידן;

מען הערט נישט קיין קלאַנג מער פון יידישע מיילער,
די ווינט־מאַכער, טומלער, די לויפער און איילער.

מען הערט נישט קיין קולות, זאָל זיין כאָטשבי קללות —
צי זענען שוין אויסגעלייזט אַלע פון גלות?

לייגט נאָך אַמאָל שערבעלעך אונדז אויף די אויגן —
נישט דאַרפן דאָס צוזען אין עלנט געבויגן.

קיין קידוש, קיין קדיש, קיין תפילה, קיין ברכה,
קיין קלאַפּ און קיין טראַסקעניש פון בעל־מלאכה.

קיין הילך פונעם שמיד און קיין קלונג פונעם בלעכער.
מען זעט נישט קיין רויך מער אויף יידישע דעכער.

קיין פּלאַפּל פון קינדער, קיין זמר פון קלויזן.
— האָב איך דען אין דמיון געזען דאָס, דער חוזה?

— און איך אויך, דער „אייזערנער קאָפּ", נישט באַנעם עס —
דעם מוח געשאַרפט און דערגיי נישט דעם אמת.

— און איך, שאול וואַל, דער איינטאָגיקער מלך,
וואָס מעשיות פון זיך און מיין מאַכטשאַפט דערצייל איך,

האָב אויך נישט קיין קראַפט צו באַגרייפן, דערפאָרשן
וואָס וויסט איז די יידן־שטאָט, ליידיק, אָן יורשים.

— אויך מיר, דער מהרש״ל, דער מהר״ם, די גדולים,
נישט תופס זיין קענען. וועקט־אויף דעם בית־עולם!

רייסט־איין אַלע קברים און גיסט אייער האַרץ אויס,
רופט־אויף אַן אַסיפה פון ועד אַרבע ארצות.

מיר שלייכן אַרום אין די יידישע גאַסן
און טויטערהייט רייסן מיר דאָרט פון זיך פאַסן.

מיר שלייכן דעם רינעק אַרום און פאָדזאַמטשע.
איז אמת, קיין שפור מער פון אונדז דאָרטן שטאַמט שוין?

עס ברענט נישט קיין ליכט און קיין טלית נישט פלאַטערט.
צי האָבן זיך אַלע, חלילה, געשמדט דאָרט?

מען הערט דאָרט נישט מער דעם בעל־תפילה, דעם חזן,
זאָל זיין כאָטש דעם שטאָט־נאַר, דעם לץ און דעם בלאַזן.

מיר זוכן אויף שטיינער, אויף שוועלן, אין בראַמעס
אַ טרער פון אַ קינד און אַ צערטל פון מאַמעס,

די פרייד פון יום־טובים, די דאגות פון וואָכן —
און הערן בלויז אונדזערע אייגענע קנאָכן...

פאַרדעקט אַלע טייכן מיט כמאַרעס ווי שפּיגלען!
און שבעה זיך זעצט אַלע בערג, אַלע היגלען! — —

איר האָט אונדז גערופן — צו וואָס און צו וועמען?
אויף חיבוט הקבר? אונדז פּלאָגן? פאַרשעמען?

ווו איז אונדזער שטאָט, אונדזער ציבור און קהל?
ווו איז אונדזער היים — אונדזער אם בישראל?



ד י  ב ע ל י ־ פ נ ק ס :

אָט איז זי, די שטאָט די געליבטע, געשעצטע.
פֿאַרשווינדט נישט, געשטאַלטן פֿון עבר, אין קברים,
צוריק אין דער רו אַריין גייט נישט, וואַרט צו,
נישט איצט איז די צייט פֿאַר מנוחה און רו.
אָט איז זי, די שטאָט, אין די בלעטער פֿון ספֿרים,
מיט פֿענצטער פֿאַרלאָשענע, שוואַרץ־אויסגעזעצטע,
די הייזער צעפֿלינדערט, פֿון רויכן דערוואָרגן.
אָט וויקלען מיר אויף די מגילה פֿון טרויער.
קומט, זיידעס פֿון נעכטן, קומט, קינדער פֿון מאָרגן,
און גיט זיך די הענט ווי א בריק איבער תקופֿות,

קומט אַלע אַהער צו דער שוועל פונעם טויער —
צום ספר, צום פנקס קומט אַלע ! קומט אַלע!

ויהי — און געווען איז... בימי — אין די טעג...
אראָפּגעלאָזט האָט צו דער נעסט זיך דער שפּאַרבער —
דער שונא ישראל מיט קרייצן און העק,
פון צמחים און שיין דער צעטרעטער, פאַרדאַרבער,
צו שאַרפן אויף אונדזערע הויטן דעם חלף,
אונדז נאָכדעם צעפליישן, צעפּערטלען, צעדרויבן;
אונדז נאָכדעם אויף אַש און אויף פּאָרעך צעשטויבן.
ער דאַרף נישט דיין ברכה, ער דאַרף נישט דיין תפילה,
דו זאָלסט אים באַגליקן, באַזויפן, באַטרינקען,
ער וויל נישט דיין שוחד, ער וויל נישט דיין גלויבן,
נישט וואַסער צום שמד גיט ער — נאָר צום דערטרינקען...
ער וויל פון דיר גאָרנישט — דיין נפש בלויז וויל ער.

די געשטאַלטן פון אַמאָל:

קיין בחירה צומאָל דיין אמונה צו בייטן?
ס'איז נישט יענע צייטן, ס'איז נישט יענע צייטן...

### די בעלי־פּנקס:

מען האָט אונדז פאַרצוימט און פאַרגדרט מיט דראָטן,
ווי קרעציקע הינטער אַ קנויל אַ פאַרדרייטער,
פאַרקוועטשט אונדז אין ענגשאַפט מיט חברות און צדדים,
עסקנים און קעמפער און אַלערליי שטרייטער.
אַ מענטש גייט ארום — בלויז געפּאָך פון אַ שאָטן,
דער גוף האַלט זיך קוים אין צעפליקטע בגדים.
עס טרייבט דער גערמאַנער. עס בלאָנקען אום פּליטים.
אַ קינד און אַ קישן. פאַרצאָגט און צעשראָקן.
אַך, אחים לצרה געקומענע, פרישע.
עס גייען מגפות און שניידן און בראָקן.
עס גליען די פארבן פון טיפוס און פּאָקן.
און ס'אַרבעט און יאָגט זיך די חברה קדישא
פון טויער צו טויער, פון גאַנעק צו גאַנעק
אין פריע פאַרטאָגן ביז טונקלע פאַרנאַכטן.
און נאָענט פון אונדז — דער גיהנום התחתון
צאַפּט־אויס אונדז דאָס בלוט און דאָס חיות — מאַידאַנעק.
דאָס מויל פונעם מולך וויל אַלע פאַרצערן.

### די געשטאַלטן פון אַמאָל:

אַז ווײ וואָס מיר הערן! אַז ווײ וואָס מיר הערן!

ד י  ב ע ל י ־ פ נ ק ס :

ס'איז רויט יעדעס שטיינדל פון אונדז דאָרט באַפאָרבן,
דער הימל — פאַרדויכט פון געביין און געפלייש,
און גאָט פון ישראל פאַרנעמט אונדזער קרבן
מיט אַלערליי מיתות, ווי ס'שטייט אין דער תפילה
אין טאָג פון זיין משפט: במים, באש,
בחיה, בצמא, ברעש, במגפה,
ברעב, בחניקה, בחרב, בסקילה.

עס הוליען די דייטשע געפּאַנצערטע שדים
און טרייבן אונדז פון די פאַרעיפּושטע הייפן,
מען טרייבט פון דער גראָדזקע, שעראָקע און מיידאַן,
מיט אַלץ און מיט אַלעם די שטאָט גייט אינאיינעם:
קבצנים, יחסנים, ישיבות, פאַראיינען.
אַ דור מיט אַ דור האַלט זיך אָן פאַר די הענט.
אין פּעקלעך פאַרקניפּט דער סך־הכל מיט שטריקלעך.
צעשאָטן דאָ ליגט אונדזער לעבן, צעריבן,
ווי ס'מיסט פון די שטרויזעק די אַלטע צעטרענט,
און ווער ס'האָט זיך אָפּגעשטעלט איז שוין געבליבן
פאַרלאָזט און אויף שטענדיק באַרואיקט און גליקלעך,
די אויגן דערלייזטע אין ערגעץ געווענדט...
מען האָט אָפּגעשלאָסן אונדז דאָרט אין וואַגאָנען —
יאָרהונדערטער האָט מען מיט אונדז אָפּגעשלאָסן.
געזעגנט זייט, ליבעס, חלומות, פאַרדראָסן.

אַ מענטש קאָן אַ מענטשן נישט קוקן אין פּנים.
נישטאָ מער ביי וועמען צו בעטן זיך: העלפט...
פֿאַרקלאַפּט אונדזער גורל מיט ריגלען און ברעטער.
אין שפּאַרע די טאָג־שיין, ווי ס׳לעבן, נאָך זשיפּעט.
אַ קינד פֿון אַ מאַמען צעשיידט איז, צעריסן,
און ס׳קינד אויך אַליין ווערט צעריסן אויף העלפֿט.

די געשטאַלטן פֿון אַמאָל:

מיר זיידעס פֿון נעכטן.

די קינדער פֿון מאָרגן:

מיר אייניקלעך שפּעטע.

ביידע צדדים:

מיר דאַרפֿן דאָס וויסן! מיר מוזן דאָס וויסן!

די קינדער פֿון מאָרגן:

פּאַמעלעך, קיין וואָרט נישט, קיין אות נישט פֿאַרהיפּערט —
מיר דאַרפֿן אַלץ וויסן! מיר מוזן אַלץ וויסן!

ד י  ב ע ל י ־ פ נ ק ס :

מיט אַ געליארעם
טויב און באַנומען,
מיט א געוואָיעניש
הויל און משוגענם,
ווייט אויף מרחקים
ציען די צוגן.
ווו פירן שטעגן ?
ווו פירן וועגן ?
ווער קאָן דאָס וויסן ?
ווער וועט עס פרעגן ?

ס'וויינען און ס'לאַכן,
ס'שווייגן און ס'שרייען
ווייט אויף די שטרעקעס,
ווייט אויף די פלאַכן
קלאַפּנדיק,
סאַפּענדיק,
רעדער צעגריזשען,
רעדער צעקייען
דומם און חומר,
זעאונג פון טרוימער,
שאָטנס און ביינער —
צווישן די ציינער,
שטאָלנדיק,
מאָלנדיק —
טריב
טרייב.
און מיטן רויב,
רעשטן און דרויב
אונטן צעציילן זיך,
אונטן צעטיילן זיך
רעלס מיטן ראָד,
ראָד מיטן רעלס.
שפּאַרט זיך אין שפּאַרע
זכר פון וועלט —

פּאַסיקל טאָג־ליכט,
פּאַסיקל העלם;
שטראַלעכל איינציקס,
שנירעלע שיין,
בינד אונדז, פּאַרקניפּ אונדז,
נעם אונדז מיט זיך,
גיב אונדז אַ חיות,
גיב אונדז אַריין.
זיי אונדז אַ מלאכס
גאָלדענער פליגל.
מאַכט אים אַ וואַרע,
זייט אים מקבל
איידער אויף שטענדיק
וועט אים פאַרלעשן
דאָרטן אויף יענער זייט
ברעטער און ריגל
אייזן־געשמידטער
היטער,
מחבל.
שטראַלעכל איינציקס,
ביסט אונדזער אָנהאַלט,
אָנזאָג, דערמאָנונג:
האָף נאָך, האָף...

אפשר... דאָך...
נאָך נישט דער סוף...
נאָך... נאָך...
נאָך נישט דער סוף...

שפּאַרט זיך אין שפּאַרע,
טראָגט זיך פֿאַרביי:
דעמב און בעריאָזע,
כאַטקעלעך, היימעלעך,
סעדער און לאָנקעס,
פֿערד און בהמהלעך
צופּן זיך גראָזן.
פּוילישע פֿעלדער.
בענקשאַפֿטן נאָיען.
הינט אין די בודעס
ערגעץ־ווו וואָיען
לאַנג.
באַנג.
עמערס אין ברונעמער
זינקען און שווערן,
עופֿות אין שטרויען
זוכן אַ קערן.
טייכעלעך בלווילעכע.
קאַטשקעלעך שווימען זיך

אונטער השגחה
מאַמעס געטריי,
שווימט אַ משפּחה
פרידלעך און פריי — — —
אַלץ איז פאַרביי,
אַלץ איז פאַרביי...
פוילישע דערפער.
קראַנצן און סנאָפּעס,
פלויטן, געשפאַנען,
כאָמוטעס פּראָסטע,
שטרויענע בוידעמס.
ריחות פון ליפּעס,
היי און רומיאַנעק.
שפּאַרט זיך אין שפּאַרע,
שוועבן פאַרביי
שטעטעלעך הײמישע,
פוסטע, פאַרלאָזטע.
שפּאַרן זיך ווינטעלעך,
סודען זיך, סודען:
טראַווניק, טרעבלינקע,
בעלזשעץ, מאַידאַנעק...
סודען, פאַרהוידען,
אַלע צוזאַמען
קעפּ זיי פאַרהוידען:

אפשר איז נאָך נישט...
נאָך נישט...
דער סוף נישט...
קינדערשע הענטלעך
וועקן אַ מאַמען,
טרייסלען פאַרוואָרפענעם,
זייטיקן קאָפּ:
מאַמעשי, שלאָף נישט,
לאָז מיך נישט אָפּ...
ציען די צונגן,
ציען די צונגן.
נעכטן, היינט,
מאָרגן. נאָך.
משא וועט סטאַיען,
לאַסט וועט גענוגן.
ווידער ווידוי.
וויי און אָך.
טויטע צי מידע?
זיקנה צי יוגנט?
ווער וועט עס וויסן?
ווער וועט דערקענען
ריפּן און קנאָכנס,
שלוכצן און טרערן
וועמענס דאָס זענען?

װעמען געהערן ?
מענטש איז פֿאַר מענטש,
גוף איז פֿאַר גוף
אָנשפּאַר,
צוים.
קוים,
קוים
לעבנדיק,
קלעבנדיק
שאָטן אין שאָטן
דרענגט,
ענגט.
אָטעם אין אָטעם,
ביינערנע קלעמען.
שליים. שוויים.
װעמענס ?
מיינס,
דיינס,
זיינס . . .

ס'פּלאַצט דער װאַגאָן,
שטיקט זיך און װאַרגט
פֿונעם מישמאַשיקן
שטויביקן־אַשיקן,

דאַרן
קוואַרן
מענטשנוואַרג.

— — — — — — — —

אונטער די רעדער
אַלץ ווערט פאַרדרייט,
אַלץ ווערט צעריבן,
אַלץ אויסגעמישט דאָ.
אַלץ וואָס געבליבן,
אַלץ וואָס דאַרף בלייבן —
רעדער צערייבן,
מאָלן־צעמאָלן
אַלע אַמאָלן :
נחתן, צערן,
שרעק פאַר סכנות,
סקריפּ פונעם סופרס
געגנדזענע פעדער,
צניעות, מציאות,
ריינער נאמנות,
בלענד פונעם זיבערן
פאָרכטיקן טישטעך,
צי פונעם פאָדעם —
ביינוול און גאַרן,

מנהג און מצווה,
ניגון פון תפילות,
צדקה און קצבה,
טרוים פון משיחן,
טעם פון מאכלים ,
ריח פון קיכן,
גליקן אין חלום,
מוסר פון טאַטעס,
ציטער פון מאַמעס,
שאַל פונעם שופר,
ס'קלאַפּן פון האַמערס,
גרילץ פון דער קאָרבע,
גלאַנץ פונעם טייסטער,
שטויב פון דער טאָרבע.
עצבות און פרייד,
ווינט פון די פּאָלעס,
שיין פון לעגענדע —
אַלץ גייט צו ענדע,
אַלץ גייט צו ענדע —
דאָ, אויף די פּוילישע
וועגן פאַרגייט
מיין טויזנט־יאָריקער,
ביטערער, צרהקער,
גלאָרייכער גלות !

ווײנען די װערבעס,
קלאָגן די קליאָנעז
איבער װאַגאָנען —
מיטות־עגלות —
לאַנגע, פֿאַרהעמערטע
גלות־עגלות...

— — — — — — — — —

מיטן פֿאַרגעלטן
צװיטיקן טלית
האָט זיך אַ זקן
ס׳פּנים פֿאַרשטעלט —
מער נישט צו דאַרפֿן זי
זען אָט די װעלט,
אָט די פֿאַרשאָלטענע,
בלוטיק־צעשפּאָלטענע;
מער זי נישט אָנקוקן,
מיאוסע און בײזע . . .
חתן און כּלה
האַלטן זיך אָן.
פֿאָרן װוהין?
פֿאָרן פֿון װאַנען?
אפֿשר פֿון קאָריוו,
פּילעװ, לובלין?
איז דאָס אוודאי



זייער באַשערטע,
לאַנג שוין באַגערטע
חתונה־רייזע ? . . .
ס'איז זייער חופּה
דאַך פון וואַגאָן,
ס'איז זיי די עדה
מקדש מיט קדיש . . .
חתן און כלה
בייגן אָן קעפּ.
שושקעניש,
פּליסטערניש,
ליבער געשעפּטש :
ווי וועט עס הייסן,
ס'קינדעלע,
ווי ?
סימעלע ?
מינדעלע ?
שימעלע ?
צבי ?
ס'וועלן נישט פעלן
נעמען נאָך וועמען !
נעמען.
נעמען.
נעמען.
נעמען.

ציען די צוגן,
ציען די צוגן.
ס'וועלן אונדז אַלע
נעמען געגנוגן —
נעמען נאָך וועמען.
חיים און שרה,
דבורה און שיע.
יידישע קינדער
פאָרן און פאָרן.
ערשטע און לעצטע —
לעצטע נסיעה.
משהלעך, הערשעלעך,
רייזעלעך, ציפּעלעך,
אייגעלעך — קערשעלעך,
ברוגזע ליפּעלעך.
שלמהלעך, מענדעלעך,
גאָלדעלעך, הינדעלעך,
גרעגערלעך, פּענדעלעך,
קלעפּערלעך, ווינדעלעך.
שוועלבעלעך, שעפּסעלעך,
אוצרלעך, הערצעלעך,
שיכעלעך, זעקעלעך,
העמדעלעך, שערצעלעך.
טראַסקעט און וויגט זיך,

ווּיגט דער וואַגאָן.
ווען וועט מען אָנקומען ?
ווּו קומט מען אָן ?
טראַסקעט און וויגט זיך,
וויגט און פאַרוויגט.
אָט איז דאָס וויגעלע,
יאַנקעלעס וויגעלע !
ווּו איז דאָס ניגעלע ?
ווּו איז דאָס ציגעלע ?
ס'שיינע, דאָס ווייסע,
דאָס גאָלדענע ציגעלע ?
ראָזשינקעס־מאַנדלען
פאָרט עס נישט האַנדלען.
ס'שפּרינגט פונעם צוג,
שמירה, באַטרוג.
אויגן פול גרויל,
מעסער אין מויל !
וועלף אין די גאַסן,
וועלף אין דער שטאָט —
לויפט עס אין וואַלד,
לויפט מיט געוואַלד,
גיכער אַהין !
רופט יעדן אויף,
רופט צו דער האַק,

צום קאַראַבין!
אויסרייסן וועט מען
ס'גאָלד פון דיין מויל,
נאָר נישט די קללה,
ס'מעסער, דעם גרויל.
לויפט עם אין וואַלד,
לויפט אין דער פושטשע,
בענטשט אים דאָס מעסער,
פעסט אין זיין מויל!
ווי דעם פּרוכת
הייליקט־זשע, קושט־זשע!

כשרע פיסעלעך
האָט דאָרט באַפלעקט
בלוט פונעם געטאָ,
קויט פונעם געטאָ,
אָבער דאָס ניגעלע
פון גאָלדן ציגעלע
נאָך נישט פאַרווישט,
נאָך נישט פאַרמעקט,
נאָך נישט פארשווענקט,
שורשט און שטעקט
פעסט אין זכרון
פון דעם געדענקער,

דעם נישט־פֿאַרגעסער.
ס'ציכטיקע פעלעכל,
האַלב אָפּגעזענקט,
פֿלאַמען פֿון געטאָ
האָבן געפּרווט שוין
טאָן עס אַ ברען,
טאָן עס אַ סמאַליע,
נאָר נישט אינגאַנצן,
נאָך נישט פֿאַרצערט,
טראָגט עס דער צאָרן —
פֿול שוין דער קרוג,
ווו נאָר אים טראָגן
אַלעמענס אויגן,
פֿייל פֿונעם בויגן,
פֿייל פֿונעם צוג.
העכער דאָס מעסער!
העכער די שווערד!
ביז צו די הימלען!
ביז דער פּמליא!

— — — — — —

ס'גיט אים, דעם צוג דאָרט,
נכפּה אַ וואַרף,
קלאַפּט ער און קלימפּערט,

היפּערט אין אימפּעט,
טרייסלט און רודערט
יעדן וואַגאָן.
רעוועניש, וואָיעניש,
חלפּדיק, שאַרף.
כח נעמט־אָן
פֿאַרן געיעג,
לעצטן געיעג.
צידה לדרך,
פּיטער פֿאַרצערט —
ס'לאַנגע שטיק וועג,
כמאַליע פֿון שפּאַלן,
אייזן און ערד.
דאַכט זיך, געשטעלט
האָט זיך דער צוג דאָרט,
ראַפּטום געשטילט?
ראַפּטום געשטעלט?
אויגן אין שפּאַרע
ברייטע, צעעפֿנטע,
נישטערן, קלעבן.
וווּ ביסטו, שטראַלעכל,
פֿאַסיקל איינציקס,
שנירעלע שיין?
דאָ איז עק וועלט —

דאָ איז עק לעבן!
דאַכט זיך, מען שטייט,
דאַכט זיך, מען בלייבט.
ראָד גיט שוין נאָך,
ראָד האַלט זיך איין,
שווער מיט געבלאָז,
שווער מיט געפאָך
טרייבט,
רייבט.
אַקסן אין ראָסט —
ריפּן
סקריפּען.
גרוי.
רוי.
ריפּען און טראַמפּלען.
קולות, געברום.
שטייט דער וואַגאָן —
לעבן און טויט
שטייען באַנאַנד.
דאָ איז די ראַמפּע,
דאָ איז דער ראַנד!
דאָ קומט מען אָן, —
דאָ קומט מען אום.
דאָ קומט מען,

דאָ קומט
מען,
דאָ
קומט
מען
אָן. — — — —

ד י ג ע ש ט אַ ל ט ן פ ו ן אַ מ אָ ל:

וואָס מיר דאַרפֿן הערן! וואָס אונדז קומט צוהאַנען!
וואָס האָט איר געוועקט אונדז? לאָזט גיין אונדז פון דאַנען!

מיר ווילן נישט מער אויף דער ערד זיך געפינען.
צוריק פון איר אויבערפלאַך לאָזט אונדז אַנטרינען!

מיר קאָנען קיין רו מער אויף איר שוין נישט האָבן.
פאַר בושה לאָזט נאָך אַמאָל היינט אונדז באַגראָבן!

— צום אַש לאָמיר לייגן די ביינער די לויזע!
אַזש פינצטער ווערט מיר אין די אויגן, דעם חוזה.

— און איך, וואָס די שטאָט מיין חריפות פלעגט שאַצן,
אפילו דער „אייזערנער קאָפ" קאָן מיר פלאַצן.

— איך נעם די איינטאָגיקע קרוין און איך שליידער —
ווער דאַרף בגדי מלכות? רייסט קריעה די קליידער!

נישט איך בלויז, דער פּוילישער קעניג ר׳ שאול,
נאָר אויך אָן אַ קרוין איז די אם בישראל.

אין שטאָט פון געבוירן ווער הערט אונדזער שם־טוב?
ווער בענטשט אונדזער קומען? ווער גריסט אונדז, ווער נעמט־אויף?

פאַר תורה, פאַר חכמה נישטאָ מער קיין יורש,
אַז אויסרייסן מ׳האָט אונדז געוואָלט מיטן שורש,

ווי ס׳שטייט דאָ פאַרשריבן אין אייערע ספרים —
דעם צאָן פון די מיילער, דעם שטיין פון די קברים.

קום, נביא, צום עמק הבכא צו שוועבן.
צי וועסטו אויך ס׳אַש, ווי די ביינער באַלעבן?

דעם זכר דאָרט פון די מאַידאַנעקס, טרעבלינקעס,
ווו איר האָט אונדז אָקערשט געפירט, בעלי־פּנקס?

די היים ווערט מיט נייע בנינים פאַרביטן,
נאָר זעסט נישט קיין שוועל ווו גוטמאָרגן צו ביטן,

און שלום וועט קיינער נישט געבן אונדז, קיינער.
אַז ווי אונדז, די אַלטע צעלאָמיעטע ביינער.

און ווי צו דעם אויער, וואָס האָט דאָס פֿאַרנומען.
לאָזט גיין אונדז פֿון וואַנען מיר זענען געקומען.

מיר קענען נישט זיין דאָ, די פּוסטקייט צו הערן.
צוריק ווילן מיר אין דער רו אַריין קערן.



די קינדער פון מאָרגן:

כאָטש קינדער פון עתיד, וואָס וועלן ערשט קומען,
מיר האָבן ווי זקנים דאָס קלאָג־ליד באַנומען.

מיר וועלן דאָס לערנען אַמאָל אין די ביכער,
ווו ס׳בלוט אויף זיי קלעבן וועט פון דער רציחה.

ווו ס׳וועלן אונדז שטעכן די שורות ווי דראָטן,
און מירן אייך נאָכגיין — אַ פינצטערער שאָטן.

ווען אַלץ וועט אין כתבים שוין ווערן אַמאָליק —
געדענק וואָס אַמאָל האָט געטאָן דיר עמלק! —

דאָס וועלן מיר חזרן, טייטשן און דרינגען,
ווי ס׳ברויט און ווי ס׳וואַסער ס׳טאָג־טעגלעכע שלינגען,

ווי ס'האָט אייך דער צורר געקוילט און געקוילעט,
מיט קברים די ערד אייך צעביילט־און־צעבולט.

צי דארפֿן מיר קומען אויף איר, נאָך פֿאַרמערן
דעם בעכער פֿון סם און דעם לאָגל פֿון טרערן?

מיר האָבן געהערט, נאָך נישט קענענדיק הערן,
דעם גאַנג פֿון גרושים, פֿון לעצטן נישט־ווערן.

אין אונדזערע נאָך־נישט־פֿאַראַנענע לייבער
פֿאַרקריצט איז דאָס ראָד שוין, דער קנוט פֿון די טרייבער.

כאָטש דור נאָך אַ דור איז מיט נאָכקום זיך נוהג,
וועט אפֿשר זיין בעסער אונדז בלייבן נישט־דאָאיק?...

צו זיין אין דעם אומזיין ווי איצטער, ווי פֿריער,
מיט אלע פֿאַרלאָשענע קינדער — בני־עיר?

די בעלי־פנקס:

איר זיידעס פון נעכטן, איר קינדער פון מאָרגן,
ווער ס׳איז שוין נישטאָ מער, ווער ס׳איז נאָך נישטאָ,
און ווער ס׳רופט אייך אויף אין דער הייליקער שעה —
זאָל קיינער נישט זיין פאַרן אומגליק פאַרבאָרגן.
געשטאַלטן פון עבר, פון מאָרגן, פון איצט,
אין דרייען פאַרפלאָכטן אַזוי ווי דאָס ליכט
פון זיידנס הבדלה און באָבעשים קוילעטש.
די היימשטאָט, וווּ ס׳איז אונדזער יחוס פארקריצט
אַזוי ווי אין שטיינער אין אַלטע פאַרהוילן,
אַוועקטראָגן לאָמיר זי איצטער מיט זיך

אויף אונדזערע רוקנס פון ליידן געבויגן,
מיט אַלצדינג: מיט גאַסן, מיט שטיבער, בית־עולמס,
מיט בריקן און מויערן, בראַמעס און באַשטעס,
און טראָגן זי ווי דעם שוואַרצאַפּל אין אויגן,
אַזוי ווי אַ לאַבן, מיט ליבשאַפט און פשטות.
מיר נעמען זי מיט אין געליאַרעם פון לעבן,
אין טעג פון יום־טובים און וואָכיקייט גרויער.
פאַרלאָשן די גאַסן — דאָך קען זי נאָך געבן
אונדז ליכט פאַרן נעכטן, פאַר מאָרגן און איצט;
זאָל פאַלן איר אָפּשיין אויף אונדז ווי אַ בליץ
אין צייטן פון חשכות, יסורים און טרויער.
ביים אָפענעם טאָוול — ביים אָפענעם טויער
לאָדט־אָן זי אויף זיך ווי אַ הייליקע משא,
די הייזער ווי אַלמערס פאַנאַנדערגערוקטע,
די פענצטער מיט לידער פון נייטאָרינס בלאַסע,
מיט לייכטער לצנות און שווערלעכער פלוגתא,
געזאַנגען פאַרשטיקטע, אין זאַמעק פאַרשלאָסן,
מיט קייטן־געקלאַנג אין די מויערן קאַלטע,
מיט הימנען און שבועות פון אחדות, גענאָסן,
און נאָך־נישט־פאַרלוירענער האָפענונג אַלטער.
מיר טראָגן די שטאָט מיט איר פּילדער, געהאַווע.
אָט ווי אַ בעל־מום, נישט קיין יורד, הינקט־מיט
דאָס נאָך־נישט־אינגאַנצן פאַרשרפהטע וויגל
און ס'פליט־נאָך פון הינטן די גאָלדענע פאַווע

מיט שטאָלצע, כאַטש איבערגעבראָכענע פליגל,
די פעדערס פאַרלוירענע — נישט צו איר שאַנדע...
מיר טראָגן די שטאָט, ווי אין זאַמדן צעגליט
האָט משה געטראָגן דעם משכן אין וואַנדער;
מיר טראָגן זי טריי, ווי א ספר פון פייער,
די מויערן־שטיקער ווי לוחות ווי נייע.
מיר טראָגן זי ווי אויפן האַלדז אַ קמיע,
און ווי מיט אַ ברכה זיין טאָרבע — דער זייער.
מיר טראָגן זי ווי אויף די אַקסלען אַן אָרון
מיט עמעצנס הייליק און זויבער געביין,
אַז שטיין זאָל זי פאָרכטיק און דויערדיק־בלייביק
אין קדשי־קדשים פון אונדזער זכרון
פון יאָרן ביז יאָרן,
פון אייביק ביז אייביק,
ונאמר אָמן.



# צו די נעמען פון יידישע היסטאָרישע פּערזענלעכקייטן פון לובלין

## לויטן סדר ווי זיי קומען אין דער פּאָעמע

ד ע ר  ח ו ז ה,  (דער זעער), דער חוזה פון לובלין — ר׳ יעקב־יצחק האָראָוויץ. תלמיד און נאָכפאָלגער פון בעל־שם־טוב און באַגרינדער פון דער חסידות־באַוועגונג. איינער פון די גדולי־ישראל אין פוילן. געשטאָרבן אין יאָר 1815.

ד ע ר „א י י ז ע ר נ ע ר  ק אָ פ״ — ר׳ עזריאל הלוי האָראָוויץ, באַוווסטער רב און גייסטיקער אויטאָריטעט פון לובלין אין אַכצנטן יאָרהונדערט. צוליב זיין שאַרפן אַנאַליטישן מוח און שטרענגן אופן פון לערנען האָט מען אים גערופן דער „אייזער־נער קאָפּ״.

ש א ו ל  וו אַ ל — געלעבט אין זעכצנטן און אָנהויב זיבעצנטן י״ה. לעגענדאַרער קעניג פון פוילן, וועלכער האָט געהערשט בלויז איין טאָג. ווי די לעגענדע דער־ציילט, האָבן איינמאָל די פוילישע פּריצים נישט געקענט קומען צו אַ הסכם צווישן זיך וועמען אויסצוווילן אַלס קעניג. היות דאָס האָט געדאַרפט אָדורכגעפירט ווערן דעם זעלבן טאָג, האָבן זיי באַשלאָסן אַז דער ערשטער־בעסטער פאַרבייגייער זאָל זיין דערווייל קעניג. און דאָס איז געווען דער ייד שאול וואָל.

ד ע ר  מ ה ר ש ״ ל — ר׳ שלמה לוריא, געלעבט אין זעכצנטן יאָרהונדערט. גע־שמט מיט זיין לומדות און חריפות. געשטאַמט פון וואָרמס, דייטשלאַנד. געווען רב אין אָסטראָג, וואָלינער געגנט. געקומען פון דאָרטן קיין לובלין צו פאַרנעמען די שטעלע פון ראש־ישיבה.

ד ע ר  מ ה ר ״ ם — ר׳ מאיר בן־גדליה, וועמען מען האָט אויך גערופן ר׳ מאיר לובלין, דער מהר״ם פון לובלין. פאַרנומען דעם כסא־הרבנות און שטעלע פון ראש־ישיבה אין לובלין ביז צום סוף פון זיין לעבן (1616).

## פון זעלבן מחבר דערשינען :

**ברויט און בליי** (לידער) **לובלין 1934**

**דאָס פייפל אין די בערג** (לידער) **וואַרשע 1936**

**אויפן אַש פון מיין היים** (פּאָעמע) **פּאַריז 1945**

**אַ בוים צווישן חורבות** (לידער און פּאָעמעס) **פּאַריז 1947**

**צווישן רואינען און רושטאָוואַניעס** (רייזע־איינדרוקן פון פּוילן) **פּאַריז 1949**

**אַ רעגנבויגן איבער גרענעצן** (לידער און פּאָעמעס) **פּאַריז 1950**

**דער ניגון פון דורות** (דראַמאַטישע פּאָעמע) **פּאַריז 1950**

**געקליבענע לידער, וואַרשע 1954**

**אַ לייטער צו דער זון** (לידער און פּאָעמעס) **פּאַריז 1954**

**בלומען פון באַדויער** (לידער און פּאָעמעס) **פּאַריז 1959**

**גאָלד און פּייער** (משלים און לידער) **1962**